פרשת כי תצא ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון י"ז ||| שנה א'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר דברים
הרוצה בעילום שמו
לטו"נ הרה"ק רבי אלעזר
בן הרה"ק רבי אלימלך זי"ע מריישא

## בר בטחתי

## והיו הדברים האלה על לבבך;

חזרה אויף 'אמונה' איז פונקט אַזוי וויכטיג ווי חזרה אויף אַנדערע חלקי התורה

**יום ב' מטות י"ט תמוז תשע"ט לפ"ק**

א

# כל ימיו בעמוד והחזר; די קריטישע וויכטיגקייט צו לערנען 'אמונה' אומאויפהערליך

### בלויז דורך 'חזרה' איז מען קונה תורה

די גמרא אין מסכת עבודה זרה (דף י"ט ע"א): ברענגט אַ פסוק אין משלי (משלי יג, יא): **הוֹן מֵהֶבֶל יִמְעָט וְקֹבֵץ עַל יָד יַרְבֶּה**. דרש'נט די גמרא: "**אם עושה אדם תורתו חבילות חבילות מתמעט, ואם קובץ על יד ירבה**".

דאָס הייסט אַז איינער וואָס איז "עושה תורתו חבילות", וועט דעמאָלט זיין תורה ווערן "נתמעט". רש"י זאָגט אַז דאָס מיינט ווען איינער לערנט גאָר אַסאַך אויף אַמאָל און ער קען נישט חזר'ן, דעמאָלט וועט ער פאַרגעסן וואָס ער האָט געלערנט.

זאָגט די גמרא ווייטער: "**אמר רבא: ידעי רבנן להא מילתא ועברי עלה**" - די רבנן ווייסן דערפון, אַז מען דאַרף מער משקיע זיין צו חזר'ן דאָס לערנען, אָבער זיי זענען עובר דערויף. עס איז ליידער דאָ אַסאַך תלמידי חכמים וואָס זיי האָבן געהערט דעם כלל, זיי ווייסן אַז מען דאַרף אַסאַך חזר'ן, אָבער ס'איז דאָ אַ גרויסער יצר הרע דערויף און אפילו זיי זענען 'רבנן' זענען זיי עובר דערויף. "**אמר רב נחמן בר יצחק: אנא עבידתה וקיים בידי**" - רב נחמן בר יצחק זאָגט אַז ער האָט דאָס טאַקע יאָ מקיים און די תורה האָט זיך ווירקליך געהאַלטן ביי אים.

די שטיקל גמרא רעדט בפשטות אַז ווען אַ איד לערנט תורה און ער וויל אַז ער זאָל דאָס נישט פאַרגעסן, דאַרף ער כסדר האַלטן אין איין חזר'ן, ווייל **אויב מען חזר'ט נישט פאַרגעסט מען!** דאָס איז אַ געוואַלדיגע יסוד צו קונה זיין תורה, אַז אַגאַנץ לעבן דאַרף מען חזר'ן כדי צו קענען געדענקן!

### דורך 'חזרה' ווערט די תורה איינגעקריצט אַלס איינס מיט'ן 'נפש האדם'

די תורה דאַרף דאָך ווערן ווי אַ קנין פון דעם מענטש, אַזוי ווי די גמרא זאָגט דאָרט אויפ'ן פסוק (תהלים א, ב): "**כִּי אִם בְּתוֹרַת ה' חֶפְצוֹ וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה**", אַז קודם הייסט עס 'תורת ה' - דעם אויבערשטנס תורה, אָבער שפּעטער קען עס ווערן אָנגערופן 'תורתו' - דיין תורה. ווייל עס ווערט נקנה ביים מענטש אַלס זיינס אַ 'קנין'. די תורה קען ווערן איינס מיט'ן מענטש, אָבער דאָס פּאַסירט בלויז ווען מען חזר'ט, דעמאָלט ווערט די תורה ממש זיינס. **דערפאַר פאַרלייגט זיך טאַקע דער יצר הרע, אַז אפילו דער מענטש לערנט זאָל ער נישט חזר'ן, כדי די תורה זאָל נישט ווערן איינס מיט אים.**

ס'איז באַוואוסט אַסאַך מאמרי חז"ל איבער דאָס וויכטיגקייט פון חזרה, ווי די גמרא זאָגט (חגיגה ט, ב): "**אינו דומה השונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחד**". עס איז דאָ אַסאַך פשטים אויף די גמרא אָבער די פשוט'ע פשט איז אַז מען קען נישט פאַרגלייכן יעדעס מאָל וואָס מען האָט פריש גע'חזר'ט די גמרא. עס איז נישט קיין דמיון צו דאָס פריערדיגע מאָל וואָס מען האָט געלערנט די זעלבע שטיקל תורה.

דאָס איז נישט בלויז אַז מען האָט עס געלערנט נאָך אַ נומער, נאר **יעדעס מאָל וואָס מען לערנט גייט די תורה אַריין טיפער אין דעם מענטש. עס ווערט אַ חלק פון זיין מהלך המחשבה! דער מענטש ווערט אַ נייער מענטש!** די גאַנצע תכלית פון דער תורה איז דאך צו משנה זיין דעם 'מהלך המחשבה' און צו איבערקערן די האַרץ פונעם מענטש, ער זאָל זיך ציען צו דברים שבקדושה. און דאָס פּאַסירט יעדעס מאָל וואָס מען חזר'ט דאָס לערנען. די תורה גייט אַריין טיפער און עס טוישט דעם מענטש.

### חזר'ן בטחון אָן קיין שיעור כדי נישט צו פאַרגעסן

כלפּי מה הדברים אמורים?! וואו קומט אַריין דער שמועס ווען מען רעדט פון בטחון?!

קודם כל, ווייל אַסאַך מאָל אין די 'שער הבטחון' שיעורים חזר'ט מען איבער געוויסע רעיונות וואָס זענען שוין אַרומגערעדט געוואָרן, אָבער דער תכלית הלימוד איז דאָך נישט בלויז צו הערן שיינע געדאַנקן... **מען לערנט בטחון ווייל מען וויל דאָס אַריינלייגן אין מח!** און דעריבער דאַרף מען דאָס פשוט איבער'חזר'ן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַז ס'זאָל אַריינגיין טיפער, בעסער און שטאַרקער!

אפילו מען האָט שוין געלערנט די זעלבע נקודות, טאָר מען נישט אַוועקגיין דערפון! מען דאַרף דאָס נאָכאַמאָל לערנען, ווייל ס'איז דאך שוין אַריבער אַ וואָך וואָס מען האָט עס נישט גע'חזר'ט!

### בטחון איז פונקט אַזאַ חלק פון דער תורה וואָס מען דאַרף חזר'ן

אָבער דאָ איז פאַרהאַן נאָך אַ דערהער:

ווען מען לערנט אַ מסכתא פון ש"ס פאַרשטייט יעדער איינער אַז ווען דער מענטש האָט ענדליך געענדיגט די מסכתא און ער וויל

שוין אָנהויבן אַ פרישע מסכתא, **זאָגט מען אים: "לייג אַוועק אביסל צייט צו חזר'ן כסדר אויך די אַלטע מסכתא, ווייל אַז נישט וועסטו עס פאַרגעסן".**

די זעלבע זאַך, און נאָכמער אַקטועל, איז דער יסוד וויכטיג ווען מען רעדט פון דעם אַנדערן חלק התורה: די יסודות התורה פון 'אמונה און בטחון', וואָס **אויב מען חזר'ט דאָס נישט כסדר, ווערט עס נישט איינס מיט'ן מענטש און ער האָט נישט קיין 'קנין' דערינען!**

אַמאָל דערמאָנט ער זיך פון אמונה ווען ער איז 'מעביר סדרה', און אַמאָל ווען ער הערט אַ גוט וואָרט פון איינעם אויף בטחון, אָבער **דאָס גייט אַריין אין איין אויער און גלייך אַרויס פון דער צווייטער.** ווייל אַז מען חזר'ט עס נישט געהעריג ווערט דאָס פאַרגעסן.

### אַ זאַך וואָס מען נוצט נישט דאַרף מען דערנאָך טעראַפּי דערפאַר

אַז מען חזר'ט נישט קיין אמונה איז דאָס אַזוי ווי אַ מענטש וואָס האָט נעבעך נישט געקענט נוצן די פיס אַ לאַנגע צייט, צי ווייל ער איז געליגן אין בעט אָדער ווייל ס'איז געווען צעבראָכן, פאַר קיין שום איד נישט געדאַכט, און ווען ער וויל נאָכאַמאָל אָנהויבן גיין און נוצן די פיס, איז דאָס נישט אַזוי פשוט, עס איז אַ גאַנצע פּראָצעדור און מען דאַרף מאַכן פאַרשידענע טעראַפּי, ביז מען קען צוביסלעך אָנהויבן נוצן די פיס געהעריג.

דאָס זעלבע איז מיט דעם מח פון אַ איד: יעדער האָט אַלס קליין קינד געלערנט די יסוד פון דער תורה: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", אַז דער באַשעפער איז דער 'תקיף ובעל היכולת', ער פירט יעדע מציאות פון אונזער לעבן, ער באַגלייט אונז אַלעמאָל ווען מיר האָבן אַ שוועריגקייט און ווען מיר מוטשען זיך.

די פּראָבלעם איז אויב מען חזר'ט דאָס נישט, **דעמאָלט פאַרגעסט מען דאָס אינגאַנצן.** דער מח הערט אויף אַרבעטן אויף דעם אופן, און שפּעטער דאַרף מען האָבן 'טעראַפּי' אַז מען זאָל זיך איינגעוואוינען צו נאָכאַמאָל אָנהויבן לעבן מיט די מחשבות.

ב

# שכל גופי תורה תלויים בה; די עיקר 'תורה' איז צו לערנען און חזר'ן 'אמונה' יעדן איינציגן טאָג

### די מינימום פון 'קביעת עתים לתורה' איז לערנען בטחון

מיר ווייסן דאך אַז ס'איז דאָ אַ חיוב פון 'קביעת עתים לתורה', לערנען תורה איז די חשוב'סטע זאך ווי עס שטייט: "ותלמוד תורה כנגד כולם".

וואָס איז אָבער די מינימום?! פאַר אַ איד וואָס עס איז אים נישט מעגליך יעצט צו לערנען קיין סאַך, וואָס איז די 'אלף בית' וואָס ער איז מחויב צו לערנען יעדן טאָג?!

עס איז דאָ אַ מימרא אין די גמרא (מנחות צט, ב), פון רבי שמעון בר יוחאי, אַז אויב מען קען נישט מער, איז דאָ אַ בחינה אַז **אפילו אויב מען האָט געליינט קריאת שמע צופרי און ביינאַכט האָט מען שוין מקיים געווען דעם 'והגית בו יומם ולילה'**. באופנים מסוימים קען מען אַזוי מקיים זיין די מצוה פון 'קביעת עתים לתורה'.

אודאי אויב איז מעגליך צו לערנען מער דעמאָלט דאַרף מען זיכער לערנען מער, **אָבער די מינימום, די 'אלף בית' פון תורה, איז אַז יעדע צופרי און ביינאַכט זאָל מען זאָגן די פסוקים פון קריאת שמע!** דאָס הייסט אַז **די חלק האמונה, דאָס איז ממש די עיקר חלק פון לימוד התורה!**

יעצט, אַז מיר ווייסן שוין אַז 'תורה' ווירקט אויף'ן מענטש בלויז אויב ער חזר'ט כסדר, און אויב מען וויל האָבן אַ ריכטיגע 'קנין התורה' דאַרף מען חזר'ן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, איז דאך דאָס אמת **נישט בלויז פאַר סוגיות פון 'חושן משפט', נאר ס'איז אַ 'כל שכן וכל שכן' ווען מען רעדט פון די 'אלף בית פון תורה - די פסוקים פון אמונה**, אַז מען דאַרף דאָס חזר'ן אומאויפהערליך, כדי דאָס זאָל ווערן איינס מיט'ן מענטש.

### ליינען קריאת שמע מיט הארץ איז די ריכטיגע 'קביעת עתים'

מען רעדט נישט פון בלויז אַרויסזאָגן די ווערטער "שמע ישראל" אָן קיין הארץ, **נאר מען זאָל זיך דערמאָנען יעדן צופרי און יעדע נאַכט אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט, און ער פירט מיין פרטיות'דיגע לעבן!** דער אויבערשטער מאַכט אַלעס וואָס טוט זיך אַפּ מיט מיר! איך האָב זיך איינגערעדט ביז יעצט אַז 'השתדלות' העלפט, אָבער דער אמת איז אַז מ'דאַרף טאַקע טון וואָס מ'דאַרף טון, אָבער **ווער העלפט למעשה?!** ווער מאַכט אַז דער מענטש זאָל ניצול ווערן פון אַלע זיינע פּראָבלעמען?! **בלויז דער אויבערשטער!**

דאָס ליגט אין דעם 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד' וואָס מען דאַרף געדענקען יעדן 'ערב ובוקר'. דאָס איז די עיקר פון 'לימוד התורה'! נישט בלויז פון 'תפלה'!

### דער חיוב דאורייתא צו לערנען אמונה צוויי מאָל יעדן טאָג

אַמאָל איז דאָ אַזאַ הרגשה אַז 'לימוד התורה' איז טייטש לערנען סוגיות און הלכות, דערנאָך איז דאָ אַ צייט וואָס מען איז עוסק אין אַנדערע זאַכן... מען לערנט עניני 'אמונה' בשעת דעם 'מוסר סדר'... ווייל דאָס איז דאך נישט ממש לערנען, דאָס קען מען טון אין אַנדערע זמנים,

> **"'אמונה' איז ממש די 'מינימום' פון 'לימוד התורה' וואָס יעדער מענטש האָט אַ 'חיוב דאורייתא' דאָס צו לערנען צוויי מאָל אַ טאָג!**

ווען מען קען הערן שיינע מעשיות און משלים פון אמונה... אָבער דער אמת איז אַז 'אמונה' **איז ממש די 'מינימום' פון 'לימוד התורה' וואָס יעדער מענטש האָט אַ 'חיוב דאורייתא' דאָס צו לערנען צוויי מאָל אַ טאָג!**

די תורה זאָגן אונז אַן אַז מיר דאַרפן דאָס חזר'ן און געדענקען אין אַלע סאָרט מצבים, 'בשבתך בביתך', 'ובלכתך בדרך', 'ובשכבך ובקומך', ווייל יעדער איינער האָט דאך דורכאויס דעם טאָג פאַרשידענע פּראָבלעמען וואָס קוועטשן אים, זאַכן וואָס גייט אים נישט ווי געפּלאַנט, דעריבער דאַרף מען אַלעמאָל געדענקען די פסוקי אמונה פון קריאת שמע!

### חזר'ן אמונה פונקט ווי מען חזר'ט אַלע חלקי התורה

די תורה האָט געוואוסט אַז כדי עס זאָל טאַקע האָבן דעם ריכטיגן רושם אויף'ן מענטש אין אַלע זיינע מצבים דאַרף ער דאָס זאָגן סיי 'בבוקר' און סיי 'בערב'. ווייל **די קריאת שמע וואָס ער האָט געליינט נעכטן ביינאַכט איז שוין נישט גענוג פאַר היינט**, יעצט דאַרף ער זיך נאָכאַמאָל דערמאָנען אַז דער אויבערשטער פירט זיין לעבן! ער דאַרף נאָכאַמאָל באַקומען די ליכטיגקייט אַז דער רבוש"ע איז דער בעל הבית אויף יעדע פרט פון דיין טאָג און ער באַגלייט אַלע דיינע פּראָבלעמען!

אויף דעם זאָגט די גמרא אַז רבא האָט באַדויערט: "**ידעי רבנן להא מילתא ועברי עלה**". מען ווייסט טאַקע דערפון אַז מען דאַרף לעבן מיט אמונה, אָבער מען טוט עס נישט למעשה. מען באַגניגט זיך מיט'ן הערן אַ שיין וואָרט וועגן בטחון יעדע שטיק צייט, אָבער מען חזר'ט דאָס נישט אַזוי ווי מען חזר'ט אַנדערע סוגיות און חלקים פון דער תורה.

### יעדן טאָג דאַרף מען האָבן פרישע 'חידושי תורה' אין דער סוגיא פון אמונה

ווען מען רעדט צו מענטשן וועגן תורה

פאַרשטייען זיי אַז תורה באַדייט 'עמל התורה', 'שרייבן חידושי תורה', וכדומה, אָבער מען כאַפּט זיך נישט אַז די 'מינימום' פון תורה איז דער לימוד פון בטחון. וואָס **יעדן טאָג קען מען האָבן 'חידושי תורה' אין דער סוגיא!**

ווייל אַז מען ליינט 'שמע ישראל' מיט די ריכטיגע כוונה, דערמאַנט מען זיך יעדן טאָג נאָכאַמאָל אַז **דער אויבערשטער פירט אויך מיינע היינטיגע פּראָבלעמען און מיין היינטיגע סיטואַציע.** יעדן טאָג איז דאָ נייע חידושים אין 'שמע ישראל', אויב מען לייגט דאָס אַריין אין די פּריוואַטע מצבים פון דעם טאָג - טעגליכן לעבן.

ווידעראום אויב מען לערנט דאָס נישט אָפּ ווי אַ שטיקל תורה, קען עס טאַקע נישט אַריינגיין אינעם מענטש. עס ווערט נישט 'נקנה בנפש האדם', ווייל **ער האָט עס נישט 'געלערנט'**, ער האָט בלויז 'געזאָגט' די ווערטער און האָט זיך נישט מתבונן געווען דערינען.

## די 'דברי תורה' פאַר'ן דאַווענען איז פּסוקים פון אמונה און בטחון

רש"י אין אָנהויב מסכת ברכות זאָגט אַז פאַרדעם ליינט מען קריאת שמע אין בית הכנסת, כדי מען זאָל צוגיין צום דאַווענען 'מתוך דברי תורה'. מען זאָל האָבן געלערנט פאַר'ן דאַווענען.

וואָס איז די תורה פון וואָס רש"י רעדט?! **די פּסוקים פון קריאת שמע און די ברכות פון קריאת שמע!** דאָרט זאָגט מען "עזרת אבותינו אתה הוא מעולם", מען דערמאַנט וויאַזוי השי"ת האָט אונז אַלעמאָל געהאָלפן ביי יציאת מצרים און שטענדיג, און מען זאָגט "ומבלעדך אין לנו מלך גואל ומושיע". **דאָס איז די דברי תורה וואָס מען לערנט איידער די תפלה!** דאָס איז נישט קיין 'תפלה' - דאָס איז 'תורה'! וואָס ווען אַ מענטש חזר'ט דאָס יעדן טאָג, ווערט ער אן אַנדערער סאָרט מענטש! ער ווערט אַן אַנדערע סאָרט איד! ער ווערט אַ נייער ערליכער איד וואָס לעבט מיט'ן אויבערשטן!

## פאַרוואָס פעלט אויס דער צושטעל צו די כהנים וואָס קענען עסן תרומה

אין דער הקדמה צום ספר **'אגלי טל'** פון הגה"ק בעל **אבני נזר** זצ"ל ברענגט ער בשם אביו אַ וואָרט אויף די ערשטע משנה אין ש"ס: **"מאימתי קורין את שמע בערבית, משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן"**. - פון ווען קען מען אָנהויבן ליינען קריאת שמע ביינאַכט?! פון די צייט ווען די כהנים מעגן שוין עסן תרומה.

די גמרא איז מסביר אַז דער זמן איז ווען ס'איז 'צאת הכוכבים', ווען ס'איז דאָ דריי שטערנס אויפן הימל. אָבער די משנה דערמאַנט שוין בדרך אגב אויך אן אַנדערע הלכה, אַז ווען די כהנים זענען געווען טמא, און זיי דאַרפן זיך טובל'ן צו קענען עסן תרומה, איז דאָ אַ דין וואָס הייסט 'הערב שמש', אַז אפילו נאָכדעם וואָס זיי האָבן זיך גע'טובל'ט דאַרפן זיי נאָך וואַרטן ביז עס ווערט נאַכט אַז זיי זאָלן זיין גענצליך טהור פאר תרומה. און די משנה זאָגט אַז די זעלבע צייט וואָס עס הייסט שוין נאַכט פאר די כהנים אַז זיי זאָלן מעגן עסן תרומה, דעמאָלט הייסט שוין אויך נאַכט צו קענען ליינען קריאת שמע.

די ערשטע שטיקל אין דער גמרא פרעגט גלייך די קשיא, פאַרוואָס זאָגט נישט די משנה פּשוט אַז מען קען אָנהויבן ליינען קריאת שמע פון ווען עס ווערט נאַכט?! פאַרוואָס דאַרף די משנה דאָ אַראָפּברענגען די גאַנצע הלכה פון כהנים וואָס האָבן זיך גע'טובל'ט און דאַרפן וואַרטן אויף 'הערב שמש'?!

ענטפערט די גמרא: **"מילתא אגב אורחיה קמשמע לן, כהנים אימת קא אכלי בתרומה, משעת צאת הכוכבים"**. די משנה וויל אונז לאָזן הערן אַז דער זמן וואָס די כהנים מעגן שוין עסן תרומה איז די זעלבע צייט וואָס מען מעג ליינען קריאת שמע.

אָבער בפּשטות איז נאָך אַלס שווער, פאַרוואָס האָט די משנה אָנגעהויבן מיט דעם צושטעל. מיר ווייסן דאך דעם כלל פון **"לעולם ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה"**, בפּרט אַז דאָס איז די ערשטע משנה וואָס מען לערנט מיט קליינע קינדער אין משניות, און מען דאַרף זיי יעצט אָנהויבן מסביר זיין אַז ס'איז דאָ אַ מושג וואָס הייסט תרומה, מען טאָר דאָס נישט עסן בטומאה, און אפילו מען טובל'ט זיך דאַרף מען נאָך וואַרטן לגבי געוויסע זאַכן ביז 'הערב שמש'. דאָס מאַכט דאָך אַזויפיל שווערער צו פאַרשטיין די משנה גלייך אין אָנהויב משניות, עס וואָלט געווען אַסאַך לייכטער ווען די משנה זאָגט פּשוט אַז מ'קען אָנהויבן ליינען קריאת שמע ווען ס'איז דאָ דריי שטערנס אויפ'ן הימל?!

## ווען עס קומט אַ נייע טאָג גייט אַוועק די רושם פון דעם פריערדיגן טאָג

ברענגט דער 'אגלי טל' אַ תירוץ פון זיין פאָטער, אַז דער תנא וויל אונז מסביר זיין פאַרוואָס איז אַזוי וויכטיג ליינען 'קריאת שמע' יעדע נאַכט, טראָצדעם וואָס ער האָט דאָך שוין געליינט אינדערפרי. דערפאַר ברענגט ער אַ ראַי' פון די הלכה ביי כהנים און תרומה:

די סיבה פאַרוואָס אַ כהן - וואָס איז שוין געווען אין מקוה - דאַרף נאָך וואַרטן ביז ביינאַכט כדי צו קענען עסן תרומה, איז וויבאַלד **די גאַנצע טאָג ווערט פאַררעכנט ווי איין גרויסער זאַך**, און אָנהויב טאָג איז ער דאָך נאָך געווען טמא, איידער ער איז געווען אין מקוה, דעריבער **בלייבט דערפון אַ 'רושם' אויפ'ן גאַנצן טאָג** און ער דאַרף וואַרטן ביז עס טוישט זיך דער טאָג, עס קומט אָן אַ נייע טאָג, וואָס הערשט דעמאָלט ווערט ער הונדערט פּראָצענט טהור.

## יעדן צופרי און יעדע אָוונט דאַרף מען פרישע חיזוק אין אמונה

דאָס זאָגט אונז די משנה, אַז דעריבער דאַרף מען ליינען נאָכאַמאָל קריאת שמע ביינאַכט, כאָטש וואָס מען האָט עס שוין געליינט אינדערפרי, ווייל **היות ס'איז אָנגעקומען אַ נייע טאָג איז שוין נישטאָ דער רושם פון היינט צופרי** - פּונקט ווי מיר זען ביי די כהנים אַז ביינאַכט הייבט זיך אן אַ פרישער טאָג.

די תורה האָט געוואוסט אַז יעדן טאָג איז דאָ אַ נייע מציאות פון "יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום", און דערפאַר איז די מצוה צו ליינען איינמאָל קריאת שמע צופרי, צו קענען מכניע זיין דעם יצר הרע פון בייטאָג, און נאָכאַמאָל ליינען קריאת שמע ביינאַכט, **ווייל דער רושם פון פריער איז שוין אַוועקגעגאַנגען און מ'דאַרף שוין יעצט האָבן נייע כוחות צו מבטל זיין דעם יצר הרע!**

דאָס איז דער מהלך וויאַזוי דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט, אַז דער מענטש זאָל קענען בלייבן אַן ערליכער איד און לעבן מיט אמונה און בטחון אַגאַנצן צייט - דאָס אַרבעט בלויז אויב מען חזר'ט זיך גוט איין די יסודות האמונה יעדן איינציגן אינדערפרי און יעדן אָוונט!

יעדן טאָג איז דאָ נייע חידושים אין 'שמע ישראל', אויב מען לייגט דאָס אַריין אין די פּריוואַטע מצבים פון דעם טאָג - טעגליכן לעבן.

ג

# הכל בחזקת סומין; ווען דער רבוש"ע העלפט הייבט מען אן זען די וועלט מיט אַ ליכטיגקייט

## די סגולה פון 'אמר רבי בנימין'

יעדעס קינד ווייסט אַז ווען מען פאַרלירט עפּעס און מען זוכט דאָס שטאַרק, וואָס טוט דעמאָלט אַן ערליכער איד?! מען בעט דעם אויבערשטן אַז מען זאָל דאָס טרעפן און מען זאָגט די סגולה, די ווערטער פון מדרש רבה (ב"ר נ"ג, י"ד): **"אמר רבי בנימין הכל בחזקת סומין עד שהקב"ה מאיר את עיניהם, מן הכא ויפקח אלוקים את עיניה, ותלך ותמלא את החמת"**.

די סגולה אויף פּשוט'ע עברי טייטש מיינט, אַז ווען דער מענטש האָט פאַרלוירן עפּעס און עס זוכט עס שטאַרק, זאָל ער זיך דערמאַנען: "ווער האָט געמאַכט אַז איך זאָל עס נישט זען?! ווער האָט געמאַכט די יסורים אַז איך זאָל נישט טרעפן די אבידה?! דער אויבערשטער האָט עס געמאַכט!".

דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן געדענקן פון אים, און אויב דער מענטש פאַרגעסט חלילה, וואָס טוט דער אויבערשטער?! ער מאַכט אַז מען זאָל עפּעס פאַרלירן, מען זאָל אַביסל מוטשען. אָה, יעצט דערמאַנט ער זיך אַז ער געפינט זיך אין דעם באַשעפער'ס וועלט.

## מיר זענען אַלע 'בחזקת סומין'

וואָס שטייט אין דעם מאמר חז"ל פון 'אמר רבי בנימין'?! דאָ שטייט אַ מורא'דיגע זאַך! אַז **בעצם איז דער מענטש ממש בלינד - "הכל בחזקת סומין"! אַ מענטש גייט אַרום און ווייסט נישט וואָס טוט זיך מיט אים 'בחייכון וביומיכון'!** די גמרא פאַרציילט אין מסכת ברכות (דף ו', ע"א), אַז יעדער מענטש איז אַרומגענומען מיט צענדליגער טויזנטער מזיקים וואָס ווילן אים שעדיגן חלילה און דער אויבערשטער איז אים מציל. אָבער דער מענטש שפּאַצירט אַרום רואיג ווייל ער זעט גאָרנישט.

**עס טוט זיך אָפּ אַזויפיל וואונדערליכע זאַכן אויף דער בריאה וואָס מיר האָבן נישט קיין השגה!** יעדע גראָזעלע האָט אַ מלאך וואָס זאָגט אים אַז ער זאָל וואַקסן. און דער בעש"ט הק' האָט אויסגעלערנט די השגחה פּרטיות צו גלייבן אַז אפילו ווען עס פאַלט אַראָפּ אַ בלעטל פון דעם בוים איז דאָס מיט אַן השגחה פּרטיות, כדי דאָס זאָל באַדעקן אַ ווערימל אויף דער ערד אַז די זון זאָל נישט באַקן אויף איר. דער מענטש זעט אָבער גאָרנישט. ער דרייט זיך אַרום און זאָגט אַז ער איז לאַנגווייליג... דער רבוש"ע האָט ספּעציעל געמאַכט אַז מיר זאָל גאָרנישט זען ווייל ווען יאָ וואָלטן מיר דאָס נישט געקענט אויסהאַלטן.

ס'איז ידוע די מעשה פון הרה"ק רבי **שלמה מקאַרלין** זי"ע אַז אין אָנהויב האָט ער געזען אַלעס 'מסוף העולם ועד סופו'. אַמאָל זענען געקומען צוויי משפּחות מיט אַ געוויין, ביי איינעם איז דער טאַטע זייער קראַנק, ער איז שוין ממש אַ גוסס, און ביי אַ צווייטע משפּחה איז דאָ אַ 'מקשה לילד' און די דאָקטוירים שרעקן זייער אָפּ. דער צדיק האָט אָבער געזען אַז די נשמה פון דעם עלטערן איד דאַרף אַריינגיין אין דאָס קינד. די סיבה פאַרוואָס דאָס קינד ווערט נישט געבוירן איז ווייל דאָרט זאָגט מען נאָך תהלים און יענע נשמה קען נישט אַרויסגיין, וויאַזוי קען מען העלפן ביידע?! ביז ער האָט מתפּלל געווען אַז מען זאָל אים אַוועקנעמען די מדריגה, ער וויל נישט קענען זען אַזויפיל, ווייל אַז מען זעט אַלעס קען דאָס צעברעכן דעם מענטש.

## ווען דער באַשעפער מאַכט ליכטיג די אויגן, דעמאָלט קען מען זען

על כל פּנים, ווען דער מענטש וועקט זיך אויף צופרי, איז ער ממש 'בחזקת סומין', ער הייבט נישט אָן צו זען און וויסן וואָס עס טוט זיך אָפּ מיט אים. **הערשט ווען ער פאַרלירט אַ זאַך דערמאַנט ער זיך אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט**, וואָס ער האָט געמאַכט אַז די אבידה זאל פאַרלוירן ווערן און ער קען מאַכן אַז מ'זאָל געפינען די אבידה אין איין מינוט.

דאָס איז טאַקע געווען ביי 'הגר', אַז עס איז געווען דאָרט אויפ'ן פּלאַץ אַ 'באר', אָבער זי האָט דאָס נישט באַמערקט, ווייל דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַז זי זאָל עס נישט זען. **ביז זי האָט מתפּלל געווען און דער אויבערשטער האָט געעפענט אירע אויגן.** וויפיל מאָל זענען מיר אין אַזאַ סאָרט מצב?! מען זוכט דעם היט און מען כאַפּט אַז עס ליגט אויפ'ן קאָפּ... מען זוכט דעם זייגער און מען באַמערקט אַז עס ליגט אויף דער האַנט... אַ מענטש גייט אַריבער און מען באַמערקט אים נישט... דאָס אַלעס קומט אונז דערמאַנען אַז **באמת זענען מיר ממש 'בלינד'**, און אויב מיר ווילן זען דאַרף מען דערפאַר בעטן דעם אויבערשטן.

## אין יעדע סאָרט סיטואַציע זענען מיר בלינד ביז השי"ת עפּענט אונז די אויגן

די אַלע סאָרט מעשיות, וואָס מען באַמערקט נישט קיין זאַכן, זענען אַ לימוד אויף די מצבים וואָס אַ מענטש גייט דורך אין לעבן. נישט בלויז ווען מען פאַרלירט אַ קליינע אבידה נאר ווען מען גייט אַריבער פאַרשידענע פּרשיות וואָס קאָסטן אָפּ עגמת נפש.

ס'איז דאָ מצבים פון 'בין אדם לחבירו' וואָס איז באמת נישט גרינג, ס'איז דאָ מצבים פון 'בין איש לאשתו', ס'איז דאָ מצבים מיט משפּחה און קרובים, וואָס מען גייט דורך אַסאַך צער און יסורים. אבער **מען דאַרף געדענקן אַז ביי די אַלע פּרשיות איז מען בחזקת 'סומין'! מיר ווייסן גאָרנישט, ביז דער אויבערשטער וועט עפענען די אויגן, דעמאָלט וועט ווערן ליכטיג און מען וועט טרעפן אַ וועג אַרויס פון די גאַנצע עגמת נפש.** וויאַזוי?! מיר ווייסן נישט! אָבער דער אויבערשטער קען דיך העלפן און ער וועט דיך ראַטעווען.

וויאַזוי גייט דאָס געשען אַז השי"ת זאל עפענען די אויגן?! דורך זאָגן "אמר רבי בנימין" און דורך זיך דערמאַנען אַז מיר זענען אַלע 'בחזקת סומין', **דורך זיך דערמאַנען אַז דאָס אַלעס האָט דער אויבערשטער געמאַכט**, און דעריבער בעט מען אַ תפלה: "רבוש"ע מאַך ליכטיג אַז איך זאָל יאָ באַמערקן און זען".

## מ'דאַרף מתפּלל זיין צו פאַרשטיין די סוגיא פון אמונה

פּונקט ווי ווען מען פאַרשטייט נישט אַ שווערע גמרא אָדער תוספות, בעט מען דעם אויבערשטן און פּלוצים פאַרשטייט מען פּשט, **דאָס זעלבע דאַרף זיין ביי די פּסוקים פון 'שמע ישראל', וואָס מען זאָגט יעדן טאָג. דאָס איז דאך אַ שטיק תורה!** דאָרט ליגט אַן אור וואָס דערמאַנט אונז אַז דער אויבערשטער פירט מיין לעבן. אפילו די קלענסטע נאַרישע זאַכן איז אַלעס בלויז פון אים!

מיר דאַרפן זאָגן די פּסוקי אמונה יעדן צופרי און יעדע נאַכט מיט אַ נייע הסבר. **יעדעס מאָל מיט אַ פרישע הבנה, לויט די נייע אומשטענדן וואָס גייט מיר אונטערקומען היינט**, וואָס אַזאַ סאָרט מציאות איז נאָכנישט געווען זייט ששת ימי בראשית, און **אויף אָט דעם נייעם מציאות זאָגן מיר אויך 'שמע ישראל'** - אַז דער רבוש"ע איז דער 'תקיף ובעל היכולת', וואָס פירט די גאַנצע זאַך.

## 'קריאת שמע' רעדט זיך פון אונזער טאָג טעגליכע לעבן

דאָס איז אַ געוואַלדיגע חלק פון דער הייליגער תורה, וואָס עס איז דאָ דערויף אַ גרויסער יצר הרע אַז מען זאָל זאָל נישט איינקריצן אין האַרץ טיף. **דער יצר הרע וויל אַז מיר זאָלן 'מסיח דעת' זיין ביי קריאת שמע, און אפילו ווען מען האָט שוין יאָ אינזין זאל דאָס זיין אויף אַ טרוקענעם אופן, נישט אַז עס נוגע מיין אייגענע לעבן!**

אַ איד דאַרף שפּירן דעם 'ה' אחד' אַגאַנצן טאָג. אַ איד דאַרף לעבן מיט דעם 'ואהבת את ה' אלקיך בכל מאודך- בכל מדה ומדה שהוא מודד לך'. דאָס דאַרף אַריינגיין אַלס אַ חלק פון אונזער לעבן. וויאַזוי קען דאָס געשען?! **דורכדעם וואָס מען חזר'ט עס איינמאָל און נאָכאַמאָל, יעדן צופרי און יעדע נאַכט.** אַזוי איז מען מרגיל די מחשבה און דאָס ווערט איינגעקריצט אין דעם נפש פונעם מענטש. די תורה ווערט נקנה ביי אים. **ער ווערט אַן אַנדערער סאָרט איד**, אַ געהויבענער איד וואָס לעבט מיט'ן אויבערשטן אַלעמאָל.

כדי אַ איד זאל זוכה זיין דערצו דאַרף ער בלויז געדענקן די צוויי זאַכן: א) אַז קריאת שמע איז ממש אַ חלק פון דער תורה. ב) אַז די חלק התורה דאַרף מען חזר'ן כסדר, ווייל **אַזוי קען דאָס טוישן דעם גאַנצן מענטש!**

> מיר ווייסן גאָרנישט, בּיז דער אויבערשטער וועט עפענען די אויגן, דעמאָלט וועט ווערן ליכטיג און מען וועט טרעפן אַ וועג אַרויס פון די גאַנצע עגמת נפש

# חודש אלול

## כי קרוב אליך הדבר מאוד;
אין יעדן מצב קען מען אָנהויבן תשובה טון

**יום ב' שופטים ב' אלול תשפ"ב**

א

# כמשא כבד יכבדו ממני; דער יצר הרע פון "איך דאַרף אַזויפיל פאַררעכטן, וואו הייב איך בכלל אָן?!"

## די שוועריגקייט ווען מען וויל תשובה טון

ווען מיר שטייען אין די ליכטיגע טעג, די 'ימי אלול', וואָס זענען אַזוי שטאַרק מסוגל צו סייעתא דשמיא פאר 'תשובה', איז וויכטיג צו דערמאַנען איינס פון די גרויסע שוועריגקייטן, וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון באמת תשובה טון און זיך טוישן זיינע וועגן.

דאָס איז ווען דער מענטש שפּירט אַז **ס'איז דאָ 'אַזויפיל זאַכן' וואָס ער דאַרף פאַררעכטן**, און ער ווייסט נישט: "וואו הייב איך בכלל אָן?!"

ווען ער וואָלט געווען נזהר מיט אַלע זאַכן, און בלויז אין איין ענין דאַרף ער תשובה טון, וואָלט ער געקענט פּרובירן דאָס צו פאַררעכטן. ער וואָלט געמאַכט אַ שטאַרקע קבלה, ער וואָלט זיך גענומען דערצו מיט אַ פעסטקייט, אָבער **למעשה איז די מציאות אַז וואו ער רירט נאר אָן ברוחניות דאַרף ער אַ תיקון...** זיין 'דאַווענען' דאַרף אַ גרויסע ישועה; זיין 'לערנען' ווייסט ער ניטאַמאָל וואו אָנצוהויבן, סיי מיט 'ביטול הזמן', סיי ער האָט נישט קיין געהעריגע חברותא, ער האָט בכלל נישט קיין נאָרמאַלע 'סדר היום'.

ווידער ווען ס'קומט צו 'יראת שמים', דאַרף ער האָבן 'שמירת עינים'; ער דאַרף האָבן 'שמירת הלשון'; זיין זהירות אין 'כשרות' איז נישט אויף די העכסטע שטאַפּל; זיין 'כיבוד אב ואם' דארף אַן ערנסטע תיקון; זיינע 'מדות' זענען נישט בסדר; און אַזוי ווייטער האָט ער אַ גאַנצע ליסטע פון פּראָבלעמען. יעצט **ווען מען זאָגט אים אַז מען דאַרף 'תשובה טון', שפּירט ער זיך אַזוי ווייט פון דעם ענין, ווייל ער ווייסט נישט וואו הייבט מען דאָ אָן.** שוין אָפּגערעדט ווען ער איז נאָך פאַרדרייט מיט חובות, געלט הוצאות, און אַלע סאָרט טרדות.

## די תורה הק' רעדט שוין פון דעם פּראָבלעם

דאָס איז אַ מורא'דיגע יצר הרע וואָס שטערט פאר דעם מענטש צו אָנהויבן. דער יצר הרע שטופּט אים דורכדעם אויף צוריק, אַז דער איד זאל בלייבן געפאלן ביי זיך, און ער זאָל זיך נישט נעמען אין די הענט אַריין, ווייל ער קוקט זיך אָן אַזויוי ער וועט שוין קיינמאָל נישט מצליח זיין צו זיין אַ מסודר'דיגער איד, וואָס נוצט אויס די צייט, אַ איד וואָס לערנט, דאַוונט, טוט גמילת חסדים, איז אָפּגעהיטן פון עבירות און האָט גוטע מדות.

דאַרף מען אָבער געדענקן אַז די תורה הק' זאָגט אויף דעם אַן אָפּענע פּסוק אין פּרשת נצבים (ל, יא-יד): **"כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום, לא נפלאת היא ממך, ולא רחוקה היא, לא בשמים היא וכו', ולא מעבר לים היא וכו', כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו".**

לויט אַסאַך ראשונים, דער **רמב"ן** און אַנדערע, גייט די פּסוק אַרויף **ספּעציפיש אויף די מצוה פון תשובה!** דאָס הייסט אַז ווען אַ מענטש שפּירט אַז די תשובה איז צו ווייט און צו שווער, איז דאָ אַ גאַנצע פּרשה אין דער תורה וואָס קומט אונז זאָגן אַז די מצוה פון תשובה איז נישט ווייט - כי קרוב אליך הדבר מאוד!

## ווען די 'ריבוי הכמות' איז מכביד אויף די 'תשובה'

נאָכמער איז דאָ אַ מדרש רבה אויף דעם פּסוק, וואו דער מדרש ערקלערט אַז דער פּסוק רעדט ממש פון די סאָרט שוועריגקייט אַז דער מענטש האָט הונדערטער זאַכן וואָס ער וואָלט זיך געדאַרפט פאַררעכטן און **די 'ריבוי הכמות' מאַכט אים שווער צו תשובה טון.**

ס'איז דאָ איין סאָרט שוועריגקייט ווען עס קומט צו דעם ענין פון תשובה, ווען אַ מענטש שפּירט אַז ער גייט זיך נישט קענען אַרויסזען פון זיין 'הרגל'. ער זאָגט אַז: "איך האָב שוין צען מאָל פּרובירט אָבער איך קען זיך נישט קיין עצה געבן".

אָבער דאָ רעדט מען פון אַן אַנדערע סאָרט שוועריגקייט, דאָס איז די הרגשה פון "נפלאת היא": **דער מענטש וויל יאָ זייער שטאַרק תשובה טון, אָבער ס'איז דאָ אַ מיליאָן זאַכן וואָס ער דאַרף פאַררעכטן!**

בנוסף צו די אויסערליכע זאַכן פון תורה, תפלה, גמ"ח, סור מרע ועשה טוב, א.א.וו. האָט ער נאָך אַ גאַנצע אַרבעט צו צעברעכן זיין 'גאוה' - וואָס דער **בעש"ט הק'** האָט געזאָגט אַז ס'איז נישט דאָ קיין עצה וואָס מען קען בכלל געבן דערויף, נאר מ'דאַרף האָרעווען און רייסן שטיקער ביז מען איז זוכה דערצו - ער דאַרף נאָך אַרבעטן אויף זיין 'אמונה' און 'בטחון', ער דאַרף נאָך אַרבעטן אויף זיין 'אהבת השם' און 'יראת השם'. און די אַלע זאַכן נעמט אַוועק פון דעם מענטש דער האָפענונג אַז ער זאָל נאָך בכלל קענען תשובה טון, ווייל **ער ווייסט נישט וואו אָנצופאַנגען!**

די ווערטער פון דעם מדרש באַציען זיך ממש צו דעם מציאות, אַז **די פּרשה פון 'לא נפלאת היא ממך', רעדט טאַקע וועגן אַזאַ סאָרט מענטש וואָס האָט אַזאַ סאָרט שוועריגקייט!**

## דער 'בעל חוב' וואָס בלייבט ליגן מיואש אין בעט ווייל עס וועט סייווי גאָרנישט העלפן

איידער מען וועט לערנען דאָס לשון פונעם מדרש, קען מען צוגלייכן די סאָרט געפיל צו די הרגשה פון אַ מענטש וואָס איז פאַר'חובות'ט פאר דער גאַנצער שטאט.

ס'איז דאָ אַמאָל אַ מענטש וואָס האָט פופציג טויזנט דאָלער חובות, ס'איז טאַקע זייער נישט באַ'טעמ'ט. ספּעציעל אַז ער איז נישט דער גרויסער פאַרדינער, ער דעקט זיך קוים דעם חודש און אודאי האָט ער נישט דעם איבריגן פופציגער. אָבער ער ווייסט כאָטש אַז מען קען עס נאָך מסדר זיין. דער באַשעפער וועט העלפן פון דאָ און פון דאָרט. ס'איז נאָכנישט אַזעלכע גרויסע מושגים און ס'דרוקט אים נישט אַזוי שטאַרק.

אָבער ווען אַ מענטש פאַלט חלילה אַריין מיט חובות פון ריזיגע סכומים, און ער דרייט און דרייט, איז אַמאָל דאָ די הרגשה: **"איך לאָז זיך אָפּ פון די גאַנצע זאַך, איך דריי מער נישט מיט קיין הלוואות, ווייל איך קען סייווי נישט"**. דער מענטש לייגט זיך אַריין אין בעט, ווייל ער מאַכט זיך דעם חשבון: "פון וואו הייב איך בכלל אָן?! **אויב איך וועל באַצאָלן פאר איינעם, וואָס וועט עס מיך העלפן?!** עס וועט דאָך זיין הונדערט אַנדערע מענטשן וואָס וועלן ווייטער שרייען אויף מיר?!"

דער מענטש זאָגט צו זיך: "אפילו אויב איך וועל זיך אָנשטרענגען איבער די כוחות, איך וועל זיך ממש דערשטיקן צו שאַפן אַ הלואה פון אַ באַנק פאר 'פיר הונדערט טויזנט' דאָלער, **וואָס וועל איך האָבן דערפון?!** איך האָב דאך נאָך 'צוויי און אַהאַלב מיליאָן' דאָלער חובות וואָס איך בין שולדיג פאר די האַלבע וועלט?!". **דאָס איז אַ יאוש וואָס קומט פון אַ 'ריבוי הכמות'!**

**אַזוי שפּירט אַ מענטש אַסאַך מאָל לגבי זיין רוחניות'דיגע מצב!** ער איז אפשר נישט אַזוי שטאַרק בעצבות אַז ער גייט זיך אינגאַנצן מייאש זיין און בלייבן אין בעט צופרי, אָבער ער האָט אַזאַ קאַלטקייט: "לאָמיר שוין זאָגן אַז איך וועל מאַכן אַן ערנסטע קבלה אויף איין ענין, גיי איך דאָך נישט ווערן דערפון אַ צדיק, כ'האָב דאך נאָך אַנדערע הונדערטער זאַכן צו מסדר זיין... מען דאַרף דורכשטופּן דעם חודש אלול. ווען עס קומט אַ 'ראש השנה' און אַ 'יום כיפור', וואַרעמט מען זיך אַביסל אָן, אָבער גאָרנישט טוישט זיך נישט אויף למעשה..."

# אם 'נפלאת היא' - 'ממך'; די עצה עמוקה פון דער תורה הק' ווען מען האָט צופיל צו פאַררעכטן

## דער משל מיט'ן טיפש אין בית המדרש

דער מדרש (דברים רבה ח, ג) ברענגט אַראָפּ אַ פּסוק אין משלי (כד, ז): **רָאמוֹת לֶאֱוִיל חָכְמוֹת בַּשַּׁעַר לֹא יִפְתַּח פִּיהוּ.**

די פּשוט'ע טייטש פון דעם פּסוק איז אַז איינער וואָס איז אַ טיפש, אַן 'אויל', איז פאַר אים די חכמות אַזויווי אַ שווערע שטיין. דאָס וואָרט 'ראמות' איז אַ לשון פון אַ שווערע שטיין. ווען מען וויל אים זאָגן חכמות איז דאָס אים צו שווער, און דעריבער גייט ער ניטאַמאָל אַריין אין דעם שער פון בית המדרש ווייל ער וויל נישט לערנען.

זאָגט אויף דעם דער מדרש: "**הטיפש הזה נכנס לבית הכנסת ורואה אותן עוסקים בתורה והוא אומר להן: היאך אדם לומד תורה תחילה? אומרים לו: תחילה קורא במגילה, ואח"כ בספר, ואח"כ בנביאים, ואח"כ בכתובים. משהוא גומר את המקרא, שונה את התלמוד, ואח"כ בהלכות ואח"כ באגדות. כיון ששומע כך, אומר בלבו: אימתי אני למד כל זאת? וחוזר מן השער** (מבית הכנסת)".

דער מדרש לייגט אַראָפּ ווי דער טיפש קומט אַריין אין בית המדרש, וואו ער זעט מענטשן זיצן און לערנען, זיי וואַרפן זיך שוין מיט ידיעות פון ש"ס, זיי קענען תורה, פרעגט ער: "וויאַזוי הייבט מען אָן צו לערנען".

זאָגט מען אים אַז ס'איז דאָ אַ סדר הדברים: קודם לערנט מען חומש, נביאים, כתובים, גמרא רש"י, תוספות, ראשונים און פּוסקים. אויב מען וויל לערנען 'מגן אברהם' און 'טורי זהב', שוין אָפּגערעדט אויב מען וויל פאַרשטיין אַ טיפן 'פּרי מגדים', דאַרף מען קודם האָבן ידיעות, מען דאַרף וויסן וואָס עס שטייט אין 'בית יוסף', וואָס ברענגט אַראָפּ די גמרות אויף דעם סימן.

ווען דער טיפש הערט דאָס, זאָגט ער: "ווען וועל איך לערנען דאָס אַלעס?", ער וואונטשט זיי אָן אַ 'כתיבה וחתימה טובה' און ער גייט אַרויס פון שול... דאָס איז טייטש דער פּסוק: "ראמות לאויל חכמות", וויבאַלד דער טיפש קוקט אָן די חכמה אַזוי שווער, דעריבער איז "בשער לא יפתח פיהו", עפּענט ער נישט זיין מויל צום לערנען.

## דער משל מיט'ן ברויט אין דער לופט

דער מדרש ברענגט דאָרט נאָך אַ משל איבער דעם ענין: "**אמר רבי ינאי למה הדבר דומה, לכיכר שהיה תלוי באויר. טיפש אומר: מי יוכל להביאו? ופיקח אומר: לא אחד תלה אותו? מביא סולם או קנה** (מקל) **ומוריד אותו. כך כל מי שהוא טיפש, אומר: אימתי אקרא כל התורה? ומי שהוא פיקח מהו עושה? שונה פרק אחד בכל יום ויום, עד שמסיים כל התורה כולה.**"

דער משל איז, אַז ווען מען זעט אַ ברויט וואָס הענגט אין די לופטן זאָגט דער טיפּש אַז קיינער קען עס נישט אַראָפּנעמען. אָבער דער פיקח זאָגט, **איינער האָט דאָך דאָס אויפגעהאָנגען! וואָס דאָס איז אַ סימן אַז מ'קען אויף עפּעס אַ וועג דאָרט אָנקומען!** ברענגט ער אַ לייטער אָדער אַ שטעקן און ער נעמט עס אַראָפּ. דאָס זעלבע פרעגט דער טיפּש: "ווען וועל איך לערנען די גאַנצע תורה?!", אָבער דער פיקח לערנט איין פּרק יעדן טאָג, ביז ער איז מסיים די גאַנצע תורה.

## ואם נפלאת היא - ממך!

און דער מדרש פירט אויס מיט אַ מורא'דיגע לשון: "**אמר הקדוש ב"ה: לא נפלאת היא. ואם נפלאת היא - ממך! שאין אתה עסוק בה**". אויב דו שפּירסט אַז די מצוה פון תשובה איז ווייט, איז דאָס בלויז 'ממך'! **ס'איז דיין פּראָבלעם!** ווען דו וואָלסט עוסק געווען בתורה, וואָלט עס נישט געווען אַזוי ווייט! די סיבה פאַרוואָס דו מיינסט אַז ס'איז אַזוי ווייט איז ווייל דו שטייסט פון אינדרויסן!

דער מדרש רעדט צו דעם מענטש וואָס שפּירט אַז ער האָט אַזויפיל זאַכן צו פאַררעכטן און ער וועט קיינמאָל נישט אָנקומען אויב ער הייבט אָן צו טון תשובה, און דער מדרש זאָגט אים: "**שלום עליכם ר' איד, דער פּסוק פרעגט דיין קשיא**"! דער פּסוק פון "לא נפלאת היא ממך" רעדט פון דיין מצב! די סיבה פאַרוואָס דו מיינסט אַז ס'איז ווייט, איז ווייל דו האסט נאָכנישט אָנגעהויבן. **אַז דו וועסט אָנהויבן וועסטו זען אַז ס'איז אינגאַנצן נישט ווייט!** הייב אָן וועסטו זען אַז דו וועסט אָנקומען.

## ס'איז דאָ אידן וואָס זענען אויך דורכגעגאַנגען די אַלע נסיונות מיט הצלחה

דער מדרש לייגט צו אַז ס'איז אַ טפּשות צו אויפגעבן צוליב די 'ריבוי הכמות', ווייל דו זעהסט דאך אַז ס'איז דאָ מענטשן וואָס זענען יאָ אָנגעקומען, דאָס איז די גרעסטע סימן אַז מען קען דערגרייכן! די מענטשן זענען אויך פון 'בשר ודם'! **זיי האָבן נישט געהאַט קיין נסיונות?! זיי זענען געבוירן געוואָרן ווי אַ מלאך?! אודאי נישט!** זיי האָבן בלויז געטון אַביסל, ווי די עצה פון דער תורה.

דאָס ליגט אין דער משל פון אַ ברויט וואָס הענגט אין די לופטן, וואָס דער פיקח זאָגט: "אויב האָט דאָס איינער אויפגעהאָנגען קען מען יאָ אָנקומען אַהין". אַזוי איז אויך ברוחניות, ס'איז דאך דאָ מענטשן וואָס האָבן מצליח געווען אין רוחניות. מ'רעדט נישט סתם פון אַ פאַלשע דרויסנדיגע הצלחה, נאר פון אַן אמת'ע הצלחה. יעדער איינער קען מענטשן אַרום זיך, פון זיין משפּחה, קהלה אָדער בית המדרש, וואָס האָבן געוויסע הצלחות ברוחניות, זיי פירן זיך אויף ווי ערליכע אידן!

דאָס איז נישט געשען ווייל זיי האָבן געהאַט גוטע כשרונות און אויך נישט ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין יצר הרע. **זייער הצלחה איז געקומען ווייל זיי האָבן געטון ריכטיג וואָס די תורה הייסט!** עס קען טאַקע זיין אַז דו האסט אַן אַנדערע סאָרט יצר הרע. מען קען נישט מדמה זיין קיין איין מענטש צום אַנדערן. דיין יצר הרע איז אַנדערש ווי זיינס כלפּי געוויסע מצוות. אָבער די נקודה פון די זאַך בלייבט אַז **אויב ס'איז "נפלאת היא", אויב ס'קוקט דיך אויס אוממעגליך, איז עס "ממך", ווייל דו ביזט נאָכנישט אַריין דערינען!** ווען דו וועסט אָנהויבן גיין מיט די 'דרכי התשובה' וועסטו זיכער אויך קענען!



## איז די עצה אַ פּשוט'ע פּראַקטישע 'חכמת חיים'?

אַז מען לערנט דאָס אָפּ אויבערפלעכליך האָט דער מדרש געגעבן אַן עצה וואָס עס קוקט אויס ווי זייער אַ פּראַקטישע עצה וואָס קומט פון 'חכמת חיים'. דהיינו, אַז דער חכם זאָגט: "איינער איז דאך אָנגעקומען דאָרט, איז דאָס אַ סימן אַז איך קען אויך דערגרייכן, וועל איך דעריבער לערנען יעדן טאָג איין פּרק און צוביסלעך אָנקומען".

פון אויבנאויף זעט דאָס אויס ווי אַ געווענליכע "חכמת חיים", וואָס אפילו אַ גוי, להבדיל, קען אויך זאָגן אַזאַ סאָרט עצה: "הייב בלויז אָן צו טון יעדן טאָג אַביסל, און נאָכדעם נאָך אַביסל, וועסטו זען אַז דו וועסט צום סוף אָנקומען."

איז קודם כל, דאַרף מען געדענקן אַז **אויך דער מושג פון "חכמת חיים" קומט באמת פון דער תורה.** די שרשים פון יעדע סאָרט לאָגישע סברא אויף דער וועלט שטאַמט פון דער תורה. נאר בדרך כלל וועט מען זען, אַז די חכמת חיים'דיגע וועג פון אַרויסגעבן אַ זאַך איז נאָר אַ חלק פון די הבנה דערינען, אָבער ווען די תורה גיט אַן עצה ליגט אַסאַך טיפער דערינען, און מען דאַרף זיך פּלאָגן דאָס צו פאַרשטיין ריכטיג און נוצן די עצה אַסאַך בעסער.

## אַז דו וועסט אָנהויבן אפילו אַביסל וועסטו באַגלייט ווערן מיט 'סייעתא דשמיא'

אָבער באמת איז די עצה פון די תורה, נישט בלויז אַז מען זאָל לערנען יעדן טאָג איין פּרק און דורכדעם וועט מען אָנקומען. אַז מען איז זיך מתבונן אין דעם מדרש ליגט דאָ אַסאַך טיפערס.

די ערשטע זאַך זאָגט דער מדרש אַז אַ מענטש דאַרף וויסן אַז **די 'סייעתא דשמיא' צו מצליח זיין מיט 'תשובה' און די 'סייעתא דשמיא' צו מצליח זיין מיט תורה, דאַרפסטו נעמען פון דעם רבוש"ע!** ווען דו שטייסט פון אינדרויסן און דו זעהסט אַז ס'איז ממש 'למעלה מדרך הטבע' צו קענען טוישן אַלע דיינע וועגן, דו פאַרשטייסט נישט וויאַזוי דו גייסט קענען אָנהויבן מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות, ביזטו בעצם

גערעכט- אויב קוקסטו אויף דיך אליינס! דעמאָלט איז עס טאַקע 'נפלאת היא", ס'איז זייער ווייט, ווייל דו דאַרפסט פאַררעכטן טויזנטער פּרטים און יעדע פּרט גייט מיט יגיעה! דער יצר הרע שטעלט זיך קעגן יעדעס מאָל מען וויל עפּעס ווערן בעסער, אַלעס גערעכט.

אָבער דו דאַרפסט פאַרשטיין אַז **ווען דו הייבסט אן לערנען אַ 'פּרק אחד', באַקומסטו די 'סייעתא דשמיא' פון דעם פּרק, און דאָס וועט דיך העלפן גיין ווייטער צום קומענדיגן פּרק!** ווען דו הייבסט אן תשובה טון אויף איין ענין, **אפילו אויף אַ קלייניגקייט**, וועט דיך דאָס געבן די געוואַלדיגע הימלישע 'סייעתא דשמיא' זיך צו רוקן פאָראויס צו דער קומענדיגער זאַך!

## יעדעס ביסל תורה ברענגט אַריין געטליכקייט אין דעם מענטש

די תכלית פון דער תורה איז דען צו מסיים זיין די פּרקים?! **דער תכלית איז צו קענען דעם רבוש"ע!** מען קען נאָנט ווערן צום אויבערשטן דורך לערנען אפילו אַביסל פון די הייליגע תורה! דעריבער ווען אַ איד לערנט אַ 'פּרק אחד', וועט מיטקומען דערמיט די אלוקות וואָס ליגט אין דעם 'פּרק אחד'! **ער וועט באַקומען די 'סייעתא דשמיא', די איידלקייט, די כח צו לוחם זיין מיט'ן יצר הרע, וואָס ליגט אין דעם 'פּרק אחד'!**

די עצה פון דער תורה איז: דו לערן בלויז איין פּרק, אָבער **לערן עס ווי אַ איד!** אַ מענטש דאַרף קענען לערנען דאס ביסל וואָס ער הייבט אן, כאילו ער האָט נישט קיין אַנדערע עבירות און פּראָבלעמען! זעץ דיך אַוועק ווי אַ איד און הייב אן לערנען אַ פּרק משניות, אן עמוד גמרא, וכדו', און טראַכט אַז דו לערנסט עס ווייל דו ווילסט ווערן בעסער. **דו ווייסט טאַקע נישט וויאַזוי דו גייסט אָנקומען אַזוי הויעך אויפ'ן באַרג אָבער לאָמיר לערנען היינט אַ 'פּרק אחד', לאָמיר עס לערנען געשמאַק און אַרויסזאָגן די ווערטער אויפ'ן קול, אפילו בלויז צען מינוט!**

## די קליינע התחלה וועט ברענגען אַ ריזיגע 'סייעתא דשמיא'

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין יעדן מצב וואו דער מענטש שטייט; **דו קענסט לערנען בלויז אַ האַלבע שעה אויפ'ן קול?! לערן אַזויפיל, אָבער טו עס מאָרגן נאָכאַמאָל!** טו עס כאילו דו האסט נישט קיין שום אַנדערע פּראָבלעמען און טו עס מיט אן ערנסטקייט.

אַזאַ סאָרט לימוד גייט דיך ברענגען, נישט בלויז די 'ידיעת התורה', **עס גייט דיך ברענגען די 'סייעתא דשמיא' מיט נייע כוחות וואָס דו קענסט נאָכנישט זען יעצט, ווען דו שטייסט נאָך אינדרויסן.** אַזוי זאָגט אונז דער מדרש: **ווייסטו פאַרוואָס ס'איז 'נפלאת היא'?! ווייסט פאַרוואָס עס שפּירט זיך אַזוי ווייט?! דאָס איז 'ממך - שאין אתה עוסק בה'!** ווייל אין דער מינוט וואָס אַ איד הייבט זיך צו מדבק זיין אין דער תורה, יעדער איינער לויט זיין דרגא, **הייבט ער אָן צו באַקומען די נסים וואָס פּאַסירט צו יעדן איד וואָס נעמט זיך צו עבודת ה'.**

## הייב בלויז אָן און עס גייט זיך עפּענען אַ נייע וועלט

אָט די עצה פון דעם מדרש איז אַסאַך טיפער פון סתם אַ פּשוט'ע 'חכמת חיים'. ס'איז נישט בלויז אַ פּראַקטישע עצה אַז אויב דו וועסט לערנען אַביסל וועסטו צוביסלעך באַקומען מער ידיעות. נאר **מען זאָל לערנען ווייל דורכדעם וועט מען באַקומען די 'סייעתא דשמיא' וואָס ליגט אין דער תורה!** דאָס וועט דיך העלפן צו קענען אָנקומען אַסאַך מער וויפיל דו האסט געמיינט!

דער מענטש מאַכט אַ חשבון; ווי אַלט בין איך? וויפיל טעג האָב איך נאָך צו אָנקומען אין תורה? כ'וועל דאך האָבן זייער גרויסע טרדות שפּעטער? **דאָס אַלעס איז אַ 'טעות מוחלט'! ווייל אויב דו וועסט לערנען איין פּרק משניות, איין בלאַט גמרא, וועט זיך עפּענען אַ נייע וועלט פאַר דיר!** וועסט באַקומען פרישע 'סייעתא דשמיא' אָן קיין שיעור.

## מען דאַרף נישט וואַרטן אויפ'ן עלעוועטער ביים 30'טן שטאָק

די וועלט זאָגט דערויף אַ משל פון אַ קעניג וואָס האָט געבויעט אַ טורעם פון הונדערט שטאָק און ער האָט געזאָגט אַז ווער עס קומט אָן ביז אויבן וועט קענען ווערן אַן איידעם ביים מלך. אַסאַך מענטשן האָבן פּרובירט, זיי זענען געקראָכן צען שטאָק, צוואָנציג שטאָק, אָבער יעדער האָט זיך צום סוף מייאש געווען. ווען מען איז אָנגעקומען צו די 21'סטע שטאָק האָט מען געזען אַז מען קען מער נישט.

איז אָבער געווען איין חכם וואָס האָט געטראַכט אַז דער קעניג האָט דאָך נישט צוגעזאָגט סתם אַזוי, **ס'איז זיכער דאָ אַ וועג אָנצוקומען!** איך קען טאַקע נישט אָנקומען צום הונדערט'סטן שטאָק, אָבער איך גיי פּרובירן מיט אַלע מיינע כוחות, וויפיל איך קען. ער איז געקראָכן מיט זיינע לעצטע כוחות, ביז ער אָנגעקומען צום 30'סטן שטאָק. **דאָרט האָט זיך געעפנט אַ טיר צו אַן 'עלעוועטער' וואָס האָט אים אַרויפגעפירט ביז אויבן!**

דאָס זעלבע טראַכט אַ מענטש: "וויאַזוי וועל איך קענען אָנקומען אַזוי סאַך?!", זאָגט מען אים: "דו זאָלסט טון וויפיל דו קענסט, שפּעטער וועסטו זען אַז עס וועט זיך עפּענען פאַר דיר פרישע שערים".

דער משל איז אָבער נישט ממש ריכטיג. הגם אַ גרויס חלק דערפון איז אמת, אָבער אַ איד דאַרף וויסן אַז **ס'איז נישט בלויז ווען מען קומט אָן צו די 30'סטע שטאָק**, וואָס דעמאָלט עפּענט זיך די טיר. **אפילו ווען מען הייבט אן גלייך ביי די ערשטע שטאָק, באַקומט מען שוין די 'סייעתא דשמיא'!** יעדע פּסוק חומש ברענגט דיך נאָנטער צום רבוש"ע! און פאַרשטענדליך, אַז דו וועסט טון נאָך אַביסל, וועט דאָס נאָכמער אָפּרייבן פון עבירות און מען וועט קענען אָנקומען צו נאָכמער!

ג

# חכם מה הוא אומר; די געוואַלדיגע חכמה פון וויסן אַז די גרעסטע תכלית איז צו מקיים זיין רצון ה'

## די דריי משלים פונעם מדרש

אין ספר '**אמת ואמונה**', וואו ס'איז פאַרצייכנט די תורות פון הייליגן **קאָצקער רבי** זי"ע, איז דאָ אַ הפלא'דיגע 'הרחבה' צו דעם פריערדיגן יסוד.

עס ווערט דאָרט געברענגט אַז די אויבנדערמאַנטע מדרש שטייט אויף עטליכע פּלעצער. אין 'ויקרא רבה' (פּרשה י"ט, ב), ברענגט דער מדרש דריי משלים אַרויסצוברענגען די זעלבע נקודה.

די ערשטע משל איז דאָס וואָס מיר האָבן פריער געלערנט, פון אַ ברויט וואָס הענגט הויעך, און דער חכם זאָגט אַז איינער איז דאך אָנגעקומען דאָרט ווען מען האָט דאָס אויפגעהאָנגען, דאָס גיט אים אַ חיזוק זיך צו אָנשטרענגען. דער נמשל איז לגבי רוחניות אַז דער חכם זאגט: **"ס'איז דאך פאַרהאַן אידן וואָס האָבן יאָ מצליח געווען זיך צו טוישן זייערע 'הרגלים' ביים עסן, זייערע 'הרגלים' ביים אויפשטיין פרי, זייערע 'הרגלים' ביים רעדן, א.א.וו. דאָס באַדייט אַז מען קען אָנקומען דערצו! וועל איך אויך זוכן דעם לייטער!"**.

אַ צווייטע משל ברענגט דער מדרש: "**למים יפים בבור עמוק, ואין אדם יכול לדלות מהם, עד שבא חכם וקשר חבל לחבל עד שהגיע אליהם**". - ס'איז געווען גוטע, ריינע און געשמאַקע וואַסער אין אַ גרוב, אָבער ס'איז געווען זייער טיף, קיינער האָט נישט געקענט אָנקומען דערצו, ביז ס'איז געקומען אַ חכם און ער האָט צוגעבינדן איין שטריק צו דער אַנדערער, און אַזוי האָט ער געקענט אָנשעפּן דאָס וואַסער. מיט איין שטריק האָט מען טאַקע נישט געקענט דערגרייכן דאָס וואַסער, אָבער אַז מען איז מצרף עטליכע שטריק צוזאַמען קומט מען יאָ אָן.

אַ דריטע משל זאָגט דער מדרש: "**למלך ששכר פועלים, וצוה אותם למדוד מים בחבית, והחבית מלאה חורים וסדקים, התחילו הללו מעררין: מה אנו עושין? עד שבא חכם אחד ואמר: מה אכפת לי? שכרי אני נוטל.**" - אַ קעניג האָט געדינגען אַרבעטער צו אָנפילן אַ פאַס מיט וואַסער, אָבער די פאַס איז פול מיט לעכער און שפּאלטענעס, די אַרבעטער פילן דאָס אָן מיט וואַסער אָבער עס רינט אַרויס... איז געווען אַרבעטער וואָס האָבן גע'טענה'ט: "**וואָס וויל דער מלך?! איך טו דאך גאָרנישט אויף**". ביז ס'איז געקומען אַ חכם און ער האָט געזאָגט: "מה אכפת לי?! עס גייט מיך נישט אן וואָס איז דער חשבון פונעם מלך! איך ווייס טאַקע נישט וואָס ער וויל, אָבער דער מלך האָט געהייסן דאָס טון, וועל איך עס טון אָן קיין חשבונות".

## די דריי מהלכים ווען עס קומט צו תשובה טון

האָט דער קאָצקער רבי זצ"ל געטייטשט די דריי משלים, אַז דאָ ליגט דריי טיפע דערהערן, וואָס איז אַקטועל אַלעמאָל ווען אַ מענטש וויל תשובה טון און ער וויל אָנהויבן צו פאַררעכטן זיינע מעשים.

אין ספר 'אמת ואמונה' ווערט געברענגט אַז ווען דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט די תורה, זענען געווען ביי אים די פיר צדיקים פון זיינע תלמידים: הרה"ק בעל **חידושי הרי"ם** זצ"ל, הרה"ק רבי **אלעזר הכהן מפולטוסק** זצ"ל, הרה"ק רבי **העניך מאלכסנדר**

זצ"ל, און הרה"ק רבי **יחיאל מאיר מגאסטנין** זצ"ל. האָט ער זיי געזאָגט ווי פאָלגנד:

## די ערשטע חכמה; בלויז ווען ער איז איבערצייגט אַז איינער איז שוין אָנגעקומען

דער ערשטער חכם איז נישט געווען אַזאַ גרויסער חכם. ווייל ער זאָגט אַז אָנקומען צו די תורה איז אַזויווי אַ ברויט וואָס הענגט אין די לופטן, וואָס **מען דאַרף אים איבערצייגן אַז איינער האָט שוין מצליח געווען אָנצוקומען דאָרט**, און אַז יענער האָט דאָס באַוויזן, קען ער אויך אָנקומען דאָרט. **אויב אָבער וואָלט ער דאָס נישט געזען וואָלט ער נישט געוואָרן איבערצייגט.**

אויף אונזער שפּראַך זאָגט אַזאַ מענטש: **"איך קען נישט ווערן איבערצייגט אַז איך קען תשובה טון, נאר אויב דו צייגסט מיר אָן אויף אַ בעל הבית וואָס איז געווען מער מגושם ווי מיר, און ער האָט געהאַט פונקט מיינע סארט נסיונות, אָבער ער האָט זיך גענומען אין דער האנט אַריין און איז געוואָרן אַן ערליכער איד. דעמאָלט וועל איך וויסן אַז עס מיינט אויך מיך..."**

ווילאַנג ער זעט נישט איינעם וואָס האָט שוין מצליח געווען גייט עס אים נישט אַריין אין קאָפּ אַז מען קען ווערן אַן ערליכער איד. ער מוז קודם זען אַ מענטש וואָס האָט זיך אויך געמוטשעט, און איז אויך נישט געווען קיין 'צדיק יסוד עולם' און אַז יענער האָט געקענט דעמאָלט וועט ער איבערצייגט אַז ער קען אויך.

## די צווייטע חכמה; ס'איז דאָ אַ וועג אָנצוקומען אפילו אויב איך בין דער ערשטער

דער צווייטער חכם, פון דעם משל מיט די וואַסער אין דעם טיפן גרוב, איז שוין יאָ אַ גרעסערער חכם, ווייל ער האָט נישט געזען אַז איינער איז אַמאָל שוין אָנגעקומען צו דעם וואַסער, אָבער ער מאַכט זיך נישט דעם חשבון אַז אויב קיינער האָט עס נאָכנישט געטון מיינט דאָס אַז ער קען נישט יעצט פּרובירן. ניין, ער טראַכט נישט אַזוי! **מעגליך טאַקע אַז קיינער איז נאָכנישט אָנגעקומען דאָרט, אָבער ס'איז דאך פאַרהאַן דאָרט געשמאַקע וואַסער! דאַרף מען שאַפן אַ וועג עס צו באַקומען!** און ער גיט זיך טאַקע אַן עצה דורך צוזאַמבינדן אַ שטריק צו אַ שטריק. ער טרעפט שוין אַ מהלך, **ווייל ער ווייסט דעם תכלית אַז מ'דאַרף אָנקומען צו דאָס וואַסער!**

## די דריטע אמת'ע חכמה; מען דאַרף נישט אָנקומען; מען דאַרף בלויז טון דעם רצון המלך

אָבער, האָט דער קאָצקער געזאָגט; **דער דריטער חכם - ער איז דער אמת'ער חכם!** ער זעט נישט קיין שום תכלית און קיין שום מטרה. ער לייגט דאך אַריין וואַסער אין אַ פאַס פול מיט לעכער און עס זעט אויס וואו ער גייט אין ערגעץ נישט אָנקומען. אָבער דער חכם זאָגט: **"ווער האָט דיך בכלל געבעטן צו אָנקומען צו אַ תכלית?! דאָס אליינס אַז דו טוסט דעם 'רצון המלך' דאָס איז די גרעסטע תכלית וואָס קען נאר זיין!".**

דער אמת'ער חכם זאָגט אַז בלויז די עצם זאַך אַז איך פּרוביר זיך צו מקבל זיין, איך טו השתדלות צו אויפשטיין פריער, איך זעץ זיך ביי דער גמרא און כ'הייב אָן צו זאָגן ווערטער בקול, אפילו איך פאַרשטיי נאָכנישט, **איז נישט פאַרהאַן קיין גרעסערע תכלית דערפון!** ווייל ער טוט דאך דעם רצון פון דעם מלך! ער איז טאַקע נאָכנישט אָנגעקומען אין ערגעץ, אָבער **ווער האָט דיך געבעטן אַז דו דאַרפסט אָנקומען?!**

## די תירוץ פון דער תורה הק' צו די טענות פון מענטשן

די ליכטיגע דיבורים פון דעם קאָצקער רבי איז דאך פלאי פלאים! דאָס איז וואָס די תורה זאָגט אונז: 'לא נפלאת היא ממך', ווייל דאָס איז איינס פון די גרעסטע עיכובים וואָס האַלט צוריק מענטש פון תשובה טון, אַז מען שפּירט אַז מען גייט במילא נישט אויפטון. דעריבער זאָגט אונז די תורה אַז ס'איז נישט ריכטיג. מען דאַרף נישט אויפטון! מען דאַרף בלויז טון דעם רצון המלך!

דער אמת איז אַז די וועג פון דער תורה איז דאך אַזוי זיס! ס'איז דאך די בעסטע עולם הזה! אויב אַזוי פאַרוואָס זעט מען אַז מענטשן טוישן נישט זייערע מעשים? ממילא ווען דער מענטש וואָלט קיינמאָל נישט פּרובירט די אַנדערע וועג, וואָלט ער זיך נאָך געקענט איינרעדן אַז דאָרט איז גוט, אָבער **ער ווייסט דאך יאָ זייער גוט ווי ביטער ס'איז די וועג פון עבירות**, ער קען דאָך אליינס מעיד זיין ווי נישט געשמאַק דאָס איז און וויפיל ס'איז גאָרנישט ווערד אַזאַ סאָרט לעבן, נו, פאַרוואָס בלייבט מען דאָרט?! פאַרוואָס הייבט מען זיך נישט אויף און מען קריכט אַרויס פון דעם בור?!

דער תירוץ איז אַז דער מענטש שפּירט אַז ער גייט קיינמאָל נישט מצליח זיין דאָס צו באַווייזן. דעריבער איז ער משלים מיט דעם מצב אַז דאָס איז אויך גוט. **יעדער איינער האָט אַ שטיקל יאוש מיט זיינע אייגענע שוועריגקייטן**, אַז ער גייט נישט קענען באמת אָנקומען זיך צו טוישן.

אויף דעם זאָגט אונז דער מדרש: קומט, לאָמיר לערנען אַפּאָר פּסוקים אין די תורה. "לא נפלאת היא, לא בשמים היא לא רחוקה היא, ולא מעבר לים היא", - די מצוה פון תשובה איז נישט ווייט! ס'איז נאָנט! "בפיך ובלבבך לעשותו"! ווייסט פאַרוואָס די תורה דאַרף דאָס זאָגן?! ווייל **אַזויפיל מענטשן שרייען: "בשמים היא"... "מעבר לים היא"... אָבער די תורה ענטפערט זיי: "ניין! ס'איז נישט אמת! לא בשמים היא!".**

## די גאַנצע תורה רעדט צו אַזעלכע מענטשן אין דיין מצב

מענטשן וואָס געפינען זיך נאָך אינדרויסן שפּירן אַז די באַגריף פון עבודת ה' איז אַזוי ווייט פון זיי. **ווען אַ איד וואָלט געגלייבט אַז ער קען תשובה טון וואָלט ער דאָך געלאָפן זיך מדבק זיין אין די תורה, זיך מדבק זיין אין אַ דאַווענען, אין אַ שבת קודש.** אָבער דער מענטש זאָגט: "כ'גיי סייווי נישט אָנקומען דאָרט, כ'האָב שוין צען מאָל פּרובירט, כ'בין נישט אַזאַ סאָרט"...

זאָגט אונז דער מדרש: וואָס פאַראַ סאָרט שפּראַך איז דאָס אַז "כ'בין נישט אַזאַ סאָרט"?! מען דאַרף דען געבוירן ווערן מיט העכערע אויפ'ן קאָפּ צו ווערן אַן עובד ה'?! **ביזט דאך אַ איד! צו דיך האָט די תורה גערעדט!** אַלע חסיד'ישע ספרים זענען געזאָגט געוואָרן פאַר יעדן איד אין יעדן מצב, אפילו פאַר גרויסע בעלי עבירה! די גאַנצע תורה רעדט פאַר מענטשן וואָס זענען נכשל געוואָרן! **אָנגעהויבן פון אינמיטן פּרשת 'בראשית' - פון בערך עטליכע שעה נאָכדעם וואָס אדם הראשון איז נכשל געוואָרן - ביז פּרשת 'וזאת הברכה', רעדט מען אַלעס צו אונז... !** אָבער דער מענטש דרייט זיך אַרום און שפּירט אַז ער גייט זיך נישט טוישן, ער איז נישט 'אַזאַ סאָרט'.

דער מענטש טראַכט: "עה, איך בין שוין אַזויפיל יאָר אין דעם מצב, מען טוישט זיך שוין נישט אין דעם יאָרגאַנג... מאַקסימום קען מען טוישן קליינע זאַכן אָבער כ'קען דאָך מיינע חברים פון חדר, עס גייט נישט אַזוי...".

דאָס איז אַ ריזיגע קליפּה! און **די הייליגע פּסוקים האָבן אַן עצה פאר דער קליפּה.** די עצה איז: **הייב אָן טון!** הייב אָן אפילו מיט אַ קליינע זאַך און דאָס גייט דיך משנה זיין! אַז דו וועסט אָנהויבן לערנען איין פּרק אַ טאָג וועט די 'סייעתא דשמיא' דערפון דיך אָנהויבן באַגלייטן, עס וועט דיך ברענגען נאָך 'סייעתא דשמיא'! עס וועט עפּענען דיין האַרץ אַז דו זאָלסט קענען נאָך מוסיף זיין מיט תורה ומעשים טובים.

## מדה טובה מרובה; יעדע קלייניגקייט האָט אן אייביגע השפּעה לטובה

דער עיקר איז אָבער אַז די זאַך וואָס מען נעמט זיך פאר, זאָל זיין מיט אן ערנסטקייט, נישט ווייל דו זאָלסט זיך קענען שפּירן גוט אַז דו האסט געמאַכט אַ 'קבלה', נאר ווייל דו גלייבסט אַז די קלייניגקייט גייט דיך עפּענען אַ ליכטיגקייט! ווי חז"ל זאָגן: "אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש". **אַז דו האסט אַ יצר הרע, לייג אַריין אין דיין נשמה אַביסעלע 'אור'.** די 'אור' האָט אַ געוואַלדיגן כח און עס וועט דיך אויפהייבן.

אַז מ'קוקט אַריין אין ספר **חפץ חיים** זעט מען וואָס פאַראַ שטאַרקע השפּעה עס קען האָבן אויפ'ן מענטש איין 'לשון הרע' וואָס מען האָט אַמאָל געהערט. דאָס קריכט אַריין אין מח און עס מאַכט טראַכטן אַנדערש וועגן אַנדערע אידן. **לב יודע מרת נפשו אַז אַסאַך מאָל קען מען צענדליגער יאָרן מזלזל זיין אין אַ מענטש ווייל מען האָט איינמאָל געהערט אַ נאַרישע לשון הרע אויף אים.**

דאָס זעלבע ווען אַ מענטש האָט חלילה איין נישט גוטע ראי', קען דאָס איבערלאָזן אַ ריזיגע השפּעה אויף דעם גאַנצן מענטש.

איז דאך 'מדה טובה מרובה'! **דו ווייסט וואָס פאַראַ השפּעה אַ מאמר חז"ל האָט אויפ'ן מענטש?!** לערן עס מיט דער כוונה! ווער נישט דערשראָקן אַז ס'איז דאָ אַסאַך 'כמות'. לייג אַריין אַביסעלע אור, און עס וועט שוין זיין "מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך"! זעץ זיך לערנען אַ ספר! אַז דו ווילסט, צום ביישפּיל, לערנען 'מסילת ישרים', דעמאָלט לערן 'מסילת ישרים', אפילו צען מינוט אַ טאָג, אָבער נעם עס אַריין אין די ביינער. **ווייסט וויאַזוי דאָס קען איבערקערן דעם מענטש?!**

קלויב זיך אויס וועלכע ספר דו ווילסט. די ספרים שאַנק איז דאך אָנגעפולט מיט אַזעלכע ליכטיגע ספרים. היינט איז שוין אפילו דאָ ספרים וואָס צייגן אן די וואַרימע שטיקלעך, ס'איז דאָ מפתחות און ליקוטים. לערן אַביסל 'חובת הלבבות', אַביסל 'מאור עינים', אַ שטיקל אור החיים הק', אָבער גיי מיט אַ סדר און מיט אַ פעסטע קבלה אַז דו לערנסט דאָס יעדן טאָג. אויך ווען ס'איז מער אָנגעשטרענגטע טעג.

**אַ מענטש וואָס לערנט יעדן טאָג אַ שטיקל אור החיים הק', אָדער אן אַנדערע הייליגע ספר, איז נישטאָ אַזאַ מושג אַז ער זאָל בלייבן דער זעלבער מענטש!** ס'איז זיכער אַז דאָס גייט אים ברענגען אן אור! ער גייט זיך טרעפן אַ האַלבע יאָר אַרום אין אן אַנדערע פּלאַץ! דאָס וועט אויטאָמאַטיש פּאַסירן. מען קען דאָס נישט פון פאָראויס פּלאַנירן, ווייל דאָס קומט אויף אַן אופן פון 'למעלה מדרך הטבע'.

להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הביניני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223